# הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ

געקליבענע אויסצוגן פון טויזענטער צוהערער

בס"ד • פרשת חקת תשע"ט לפ"ק • גליון 103

## אינו מוכרה כלל

איך פלעג אלס שמועסן מיט א אינגערמאן וואס האט געהאט טענות אויף דער אופן המערכה. ער האט אייביג געהאלטן אז מען טוט טאקע אויף, אבער למעשה וועט מען ארויסגיין ארבעטן און מען וועט ממילא מוזן האבן סמארטפאונס, אזוי איז דער וועלט אויסגעשטעלט היינט...

למעשה, דער אינגערמאן ארבעט אין דעם פעלד פון קיטשענ"ס, און **ער האט געהאנדלט מיט אן עושר** פון וויליאמסבורג **וואס האט געהאט עטליכע הייזער**, און ער האט באשטעלט קיטשענ"ס ביי אים פאר זיינע דירות.

דער אינגערמאן האט געזאגט פאר'ן עושר אז ער קען אים אריינשיקן בילדער מיט זאכן אויפן טעלעפאון, און ער קען זעהן דוגמאות פון וואס ער האט. **האט דער עושר געזאגט, "איך האב נישט קיין סמארטפאון**; דו קענסט עס אריינשיקן צו מיר אין אפיס."

ווען דער אינגערמאן האט דאס געהערט איז ער נתפעל געווארן. **"ממש אזוי! מען קען מאכן געלט אפילו אן קיין סמארטפאון!"**

ער האט אנגעהויבן איינצוזעהן אז ס'איז נישט ממש אזוי ווי ער האט געמיינט. עס זענען דא גענוג און נאך עשירים וואס זענען אפגעהיטן פון די כלים און בסייעתא דשמיא קען מען פארדינען שיין אן דעם אויך.

(מעסעדזש 22888)

## ואליו הוא נושא את נפשו - עלה בכבש ונתנה באילן

מיין ב"ב איז געווען אין א פארק און זי האט מיטגעהאלטן אזא מעשה:

א פרוי איז געקומען צום פארק מיט אירע צוויי קליינע קינדערלעך. זי האט זיך באזעצט אויפן באנק, איינגעבויגן איבער איר סמארטפאון, בשעת אירע קינדער האבן געשפילט. די קינדער האבן געהאלטן אין איין אויסרופן, "מאמי, קוק דא! מאמי, קוק וואס איך קען טוען!" **אבער זי האט זיי זייער קאלט געענטפערט, און זיך קוים געמאכט וויסענדיג פון זיי.**

אינמיטן איז דער טאטע אנגעקומען, אוןליידער האט מען קוים געקענט דערקענען זיין אידישע צורה. ער האט זיך אוועקגעשטעלט ביים צווייטן עק, זו עומד בזוית זו, וזו עומד בזוית זו, צוויי קלעצער זיצן צוזאמען.

פלוצלינג האט איין קינד ארויפגעקראכן אויף עפעס א הויכע זאך, און זי האט זיך אביסל צעקלאפט און זי האט מורא געהאט אראפצוקריכן. **זי האט געשריגן, "טאטי, איך האב מורא, נעם מיר אראפ!" אבער אין קול ואין עונה.**

זי האט פרובירט איר מאמע, "מאמי, הילף מיר, איך ציטער אראפצוקומען!" אבער ווידער איז נישט געווען קיין רעאקציע.

טאטי, מאמי, מאמי, טאטי, אהין און צוריק, אבער מען רעדט צום וואנט. די עלטערע שוועסטער, וואס איז אויך געווען גאנץ קליין, האט אויך פרובירט ארויסצוהעלפן מיט שרייען, אבער גארנישט האט געהאלפן.

נאך א גוטע פאר מינוט פון קוויטשען, האט דער מאמע אויפגעהויבן איר קאפ צו דער טאטע, "אפשר גייסטו שוין?"

**"לאז מיר אפ, לאז מיר ארויס פון דא"**, איז געווען זיין טריקענע תשובה.

די קינדער האבןביידע ווייטער געשריגן, ממש קולות וברקים, "מאמי, דו מוזט קומען, ס'טוט מיר וויי..." און בלית ברירה, נאך אזעלכע יללות, האט דער מאמע זיך אויפגעשטעלט און אראפגענומען איר קינד.

(מעסעדזש 27215)

## הַ"שִׁירִים" (והנזמים והטבעות) הרי הוא ככל הכלים הניטלין

איך האב געזעהן די פאלגענדע מעשה אין א גליון א פאר יאר צוריק:

ס'איז געווען א אינגערמאן וואס פלעגט קומען אין ביהמ"ד יעדן טאג מיט א שירעם, נישט קיין חילוק וואס דער וועטער איז געווען. ער האט עס אראפגעלייגט, זיך געשטעלט דאווענען, און דערנאך גענומען זיין שירעם און איז אהיימגעגאנגען.

איינער האט געוואלט וויסן וואס איז פשט אין די גאנצע זאך, פארוואס ער קומט מיט א שירעם יעדן טאג, האט ער אנגעהויבן אים נאכצוקוקן, אבער ער האט גארנישט געזעהן. ער איז געקומען מיט'ן שירעם, געדאווענט, און אהיימגעגאנגען.

איין טאג איז ער צוגעגאנגען צו אים, און ער האט געוואלט אנהויבן א שמועס מיט אים, האט ער געפרעגט אויב ער ווייסט אפשר ווען דער קומענדיגע באס דארפט אנצוקומען.

דער איד מיט'ן שירעם האט ארויסגענומען א טאשן-זייגער און געענטפערט, "יא, אין צעהן מינוט ארום."

האט דער צווייטער געזאגט, "איך זעה אז דו ביסט פון די פארצייטישע אידן, היינט האט יעדער א סעלפאון וואו מען קוקט די צייט."

"יא, איך האב נישט קיין סעלפאון."

זאגט יענער, "יא, איך זעה אז א סעלפאון האסטו נישט אבער א שירעם האסטו יא. וואס איז פשט דערפון? פארוואס ברענגסטו עס מיט יעדן טאג?"

האט דער איד ערקלערט, "עס האט זיך שוין געמאכט א פאר מאל אז איך גיי ארויס פון שטוב און ס'איז א שיינע וועטער, און נאכ'ן דאווענען, אויפן וועג אהיים, הויבט עס אן צו רעגענען. ממילא נעם איך מיט א שירעם יעדן טאג, אזוי, אז אויב ס'וועט אנהויבן צו רעגענען, וועל איך האבן א שירעם."

**"איך וויל דיר נישט איינטיילן וואס צו טוען, אבער איך מיין אז ס'איז זייער א מאדנע זאך.** ווייל ס'מאכט זיך אמאל אז ס'רעגנט שלעפסטו מיט דיין שירעם יעדן טאג?"

"לאמיר דיר פרעגן, דו האסט א סעלפאון?" האט דער איד מיט'ן שירעם געפרעגט.

"יא, נישט סתם א סעלפאון נאר א סמארטפאון."

"וואס דארפסטו עס האבן?"

"לצורך פרנסה", איז געקומען דער באלדיגע תשובה.

**"דו האסט דאך אינטערנעט אין אפיס, פארוואס דארפסטו האבן דיין סמארטפאון מיט זיך א גאנצע צייט?"**

## בשורה טובה!

די מתנות פאר די תומכים פון די "כלל ישראל קאמפיין" זענען שוין ב"ה גרייט! וויבאלד געוויסע אדרעסן זענען נישט פונקט ליך איבערגעגעבן געווארן, וועלן זיין עטליכע לאקאציעס אין אלע געגנטער וואו מען וועט קענען קומען אפנעמען די מתנות.

רופט אריין צום השומרים טעלעפאון ליין (צעה נומערן אונטן) 13 הערן אלע לאקאציעס אין אייערע געגנט.

(פאר די וועלכע קענען נישט קומען פערזענליך אפנעמען די מתנות וועט מען עס אי"ה שיקן אויפן פאסט. עס איז אבער מער ראטזאם עס אליין קומען אפנעמען וויבאלד, ווי פריער דערמאנט, עס קען זיך מאכן טעותים אין די אדרעסן.)

## תהלים יומי

| | זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שבת קודש |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| חקת | ל"ה | ל"ו | ל"ז | ל"ח | ל"ט | מ' | מ"א |
| בלק | מ"ב | מ"ג | מ"ד | מ"ה | מ"ו | מ"ז | מ"ח |

זייט א חלק פון די טויזנטער אידן וואס זאגן מיט די תהלים יומי און פועל'ט אלעס גוטס!

ארויסגעגעבן דורך: השומרים

"איך באקום אמאל אן אימעיל און איך דארף גלייך ענטפערן", האט דער איד מסביר געווען.

"נו, ווען עס באקומען אין אפיס, פארוואס דארפסטו עס יעצט האבן ביי דיר?"

זאגט יענער, "אמאל מאכט זיך אז ס'קומט אן א וויכטיגע אימעיל, און איך דארף יעצט ענטפערן אויפן פלאץ, אויב נישט וועל איך פארלירן געלט. דעריבער דארף איך עס אייביג האבן מיט מיר."

"אה, **ווען איז געווען דער לעצטע מאל וואס אזא זאך האט זיך געמאכט?** אז איר האט באקומען אן אימעיל וואס האט נישט געקענט ווארטן ביז דו ביסט אנגעקומען אין אפיס?" האט דער איד מיט'ן שירעם געפרעגט.

"איך ווייס, פינף וואכן צוריק."

"און ווען איז געווען דער לעצטע מאל ס'האט גערעגנט?"

"פיר טעג צוריק."

"איז אזוי, **דאס אז דו באקומסט אן אימעיל איין מאל אין צוויי חדשים, און וועגן דעם זאגסטו אז דו מוזט האבן א סמארטפאון**, איז פשוט. אבער דאס איז איך האב א שירעם, און ס'רעגנט יעדער צווייטער טאג, דאס פארשטייסטו נישט?!"

(מעסעדזש 27222)

## אך ורק לצורך הנאה

איך האב אונטערגעהערט א געשפרעך פון צוויי אידן וואס זענען געזעסן אין ביהמ"ד. איינער האט שוין חתונה געמאכט עטליכע קינדער און דער צווייטער איז נאך א אינגערמאן, וואס זיין בכור איז בערך זעקס יאר אלט.

דער שמועס איז געגאנגען בערך אזוי:

"דער רב האט עפעס א 'דזשוק' אין קאפ, איך ווייס נישט פארוואס אבער **ער האט נישט ליב ווען מען קוקט טעלעוויזיע אינמיטן קדושה**", האט דער יונגערע אנגעהויבן.

האט דער עלטערע זיך אנגערופן, "איך ווייס נישט וואס ער וויל. וואס זאל איך טוען? מיין גאנצע ביזנעס איז געבויעט אויף אינטערנעט און שוין."

האט דער אינגערמאן געענטפערט, "איך הער. **איך, האב דעם סמארטפאון פאר** entertainment purposes only ('בלויז פאר אונטערהאלטונג)."

(מעסעדזש 22527)

## תקנות גדולות שנו כאן

סוף פונעם שנת הלימודים, איז פארגעקומען א גראדיואציע אין די סאטמאר'ע מוסדות אין וויליאמסבורג. מען האט געהאנגען צעטלעך אינדרויסן אז סאיז בשום אופן נישט ערלויבט ארויסצונעמען א סמארטפאון בשעת די גראדיואציע, און מען האט אפילו **באשטעלט ספעציעלע פרויען צו מעורר זיין אנדערע וואס האלטן נישט איין די תקנות.**

עס איז געווען א פרוי וואס האט זיך געמאכט נישט ווויסנדיג פון די תקנה, און זי האט ארויסגענומען איר סמארטפאון. **מען האט איר עס געהייסן אוועקלייגן,** אבער עטליכע מינוט שפעטער האט זי זיך נישט געקענט איינהאלטן און זי האט עס ווייטער ארויסגענומען. **איינער איז צוגעגאנגען צו איר, און צוגענומען איר סמארטפאון און עס געהאלטן פאר איר, און זי האט עס נישט געקענט נוצן במשך די גאנצע מעמד.**

ס'איז געווען א מורא'דיגע קידוש ה' צו זעהן ווי אזוי **מען פאלגט טאקע אויס די תקנות.**

(מעסעדזש 27009)

## לעצטע נייעס

אין וויליאמסבורג האט מען פאריגע כ' סיון בפקודת הקודש פון כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א פאררופן אן עצרת תפלה והתעוררות וואו מ'האט מעורר געווען דעם ציבור איבער דברים הצריכים חיזוק.

נאכן ארומרעדן איבער פארשידענע נושאים האט דער רבי אנגעהויבן רעדן וועגן די כלים און געזאגט אז ער וויל רעדן איבער "די גרעסטע מחלה פון וואס כלל ישראל ליידט".

דער רבי האט איבערגעגעבן א מעשה וואס א איד האט איהם לעצטנס דערציילט, ווי ער איז געגאנגען זיך משתטח זיין אויפן ציון פון רבי'ן זי"ע און זיין זוהן, וועלכע איז געווען מיט איהם, האט געבעטן אז ער וויל אליין שרייבן א קוויטל. די טאטע האט אריינגעבליקט אינעם צעטל וואס דער זוהן האט געשריבן און געזעהן ווי זיין זוהן בעהט ביים באשעפער אז זיין טאטע זאל שוין אוועקווארפן זיין סמארטפאון...

דער רבש"ע זאל שוין אננעמען די קינד'ס תפלה און די תפילות פון אלע קינדערלעך וואס בעטן זיך אז זייערע עלטערן זאלן זיך שוין אפרייסן פון די כלים.

די באקאנטע מגבית כלל ישראל איז בס"ד געווען א געוואלדיגע סוקסעס, מ'קען אבער נישט בלייבן זיצן מיט פארלייגטע הענט נאר מ'מוז גיין ווייטער און אויסברייטערן די קאמף. כלל ישראל'ס ארגאניזאציע ווענדט זיך צו כלל ישראל נאך הילף.

אין די יעצטיגע טעג ווערט אויפגעוויקלט א פרישע קאמפיין דורך השומרים: א מעכטיגע קאמפיין אויסצוזאגן טויזנט מאל תהילים להצלחת המערכה, טאקע צו קענען אויפטון וואס מ'דארף מיט די פריש געשאפענע געלט. די קאמפיין וועט לויפן אין די חדשים תמוז און אב ביז ר"ח אלול.

אויך ווענדט חברה השומרים א רוף צו יונגעלייט אין אלע חרדי'שע געגנטער זיך מצרף צו זיין צום לגיון של מלך און וואלונטירן מיט עסקנות פון סיי וועלכע סארט - אייגענע געדאנקען אדער ארויסהעלפן עקזיסטירנדע פראיעקטן. טייערע אידן! קיין איינער פון די יעצטיגע עסקנים איז נישט געבוירן געווארן א עסקן. אז ס'טוט וויי און ס'ברענט, טוט מען, און מען טוט בעז"ה אויף.

נאך א הילף ווענדונג. מ'האלט שוין ב"ה ביי פיר הונדערט "השומרים קארטלעך" אבער מ'קען זיך נישט דא אפשטעלן. מ'דארף אויפקומען מיט פרישע גוטע געדאנקען און מעסעזשעס פאר די פרישע סעריע קארטלעך און מ'בעט אייך פאר הילף.

זיך צו משתתף זיין אין די תהילים קאמפיין אדער אנטראגן סיי וועלכע הילף אדער געדאנק רופט אריין צו "קול השומרים" און לאזט איבער א מעסעזדש (זעה נומערן אונטן).

ביי די פרקי אבות שיעור פרשת שלח אין סאטמאר'ע בית המדרש אין מאנסי האט הגה"צ גאב"ד סאטמאר מאנסי שליט"א פארציילט ווי ער איז לעצטנס געזעסן ביי אן אסיפת עסקנים און בין הדברים איז אריינגעקומען אין שמועס איבער א געוויסע מענטש, און איינער פון די אנוועזנדע האבן זיך אנגערופן אז יענער איז א סמארטפאון מענטש.

נישט לאנג דערויף איז מען געזעסן אויף א צווייטע אסיפה און די זעלבע הגדרה איז נאכאמאל אריינגעקומען אין די שמועס.

די רב האט אויסגעפירט אז ער איז געוואויר געווארן אז אויסער א מענטש וואס האט א סמארטפאון איז דא א נייע באגריף; א סמארטפאון מענטש.

(די וואס קוקן די השומרים קארטלעך און ליינען די גליונות – אדער קוקן מיט אפענע אויגן אויף די מצב וואס טוט זיך היינט אין גאס - ווייסן שוין וואס דאס מיינט א "סמארטפאון מענטש"...)

**הוצאת הגליון לעילוי נשמת** לוחם מלחמת ד' הגה"צ ר' **שאול יצחק ראבינאוויטש** זצ"ל בן יבלחט"א כ"ק ר' רפאל חיים יחיאל שליט"א אדמו"ר משכנות הרועים

צו מנדב זיין לאזט א מעסעדזש ביי 3 > 9
אויפן מעין מעניו

די גליון ווערט פארשפרייט אין צענדליגע מדינות און שטעט:
מאנסי, וויליאמסבורג, בארא פארק, קרית יואל, שיכון סקווירא, קיימישא, לעיקוואד, מאנטריאל, קרית טאהש, לאנדאן, אנטווערפען, מעלבארן אסטראליע, טשיקאגאו, ארגענטינא און נאך.

**צו נעמען א חלק אין די הוצאות אדער פאר הערות,**
**ביטע לאזט א מעסעדזש ביי 9-4-5 פון די מעין מעניו**

ווילט איר הערן נאך
**מעשיות חיזוק און געדאנקען האטליין:**
**845-400-1111**
אין ברוקלין → 718

לאקאלע נומערן:
קאנאדא: 438-793-5968
בעלגיע: 322-808-7108
ארץ ישראל: 77-224-1111
פראנקרייך: 33-9-730-5-3366
ענגלאנד: 0330-350-3060
ארגענטינא: 54-115-128-4658
פעקס-א"ן-דימענ"ד: 845-400-1187